STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03968

SARAH PESI

Mordecai Spector

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. ספעקטאר.

שרה פעסי

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-85-87 Canal Street, New York.
1909.

שרה־פעסי

— פון —

מ. ספעקטאר.

I.

א שלעכט ביטער יאָהר האָט שרה פעסי איבערגעלעבט: איהר מאַכטיגער פריי־דיל פון קינדבעט אָן הערט ניט אויף צו קרענקען, ב׳ים עלטערען זוהן איז וויע־דער א קינד געשטאָרבען, איהר מאַנס געשעפטען געהן שוין אויך ניט אזוי גוט וויא אמאָל, און דערצו האָט ער נאָך בע־קומען רעוומאַטיזם אין דיא פיס, — א יאָהר פון דאָקטוירים מיט רעצעפטען.

זינט שרה פעסי לעבט, טראַכט זיא פון א גליקליך, רוהיג לעבען, צום סוף האָט זיא נאָך איין גוטען טאָג ניט געהאט. ווען זיא איז נאָך א מיידיל געוועזען, איז געשטאָרבען איהר יונגע שוועסטער, וועלכע זיא האָט אזוי ליעב געהאט. א יאָהר נאָך איהר חת׳נה איז געשטאָרבען איהר טאַ־טע, זיא איז שוין דאַן געוועזען אויף דער־צייט און געהאט א שווער טראָגען. דער־נאָך האָט זיך אָנגעהויבען א מעשה פון „האָבען“, זוינען און בעגראָבען. דערנאָך וויעדער טראָגען און האָדעווען קינדער. צוויי קינדער האָט זיא מפיל געוועזען, פיער זענען געשטאָרבען און זעקס לעבען ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר. וויפיעל געזונד, וויפיעל טרעהרען און וויפיעל הארצ־וועהטאָג האָט זיא געהאט פון דיא קינ־דער! ניט קיין שרה פעסי, — א שפענדיל איז פון איהר געבליבען, נאָר געלויבט גאָט זיי געשטעלט אויף דיא פיס. זיא האָט אלץ געטראַכט: דיא קינדער וועלען אויסוואַקסען, וועט זיך איהר אָנהויבען לע־בען רוהיגער און גליקליכער, צום סוף האָט זיא פון זיי מעהר צרות וויא קליינערהייט. פעריל האָט חתונה געהאט ניט פאַר איהר גלייבען, און עס איז ביי איהר קיין שלום־

בית ניט דא, ברוך׳ל ליעבט זיך מיט א שוסטערס א מיידיל, גיטעל וויל גאר ניט חתונה האבען און וויל אוועקפאהרען שטודיערען, יענקיל איז גאר קיין יוד ניט און פיהרט א גו׳שע שטוב, פון איהר עלטערען זוהן וואלט זיא געהאט נחת — א ליטישע שנור מיט א יודיש הויז, האלטען זיך אבער ביי זיי קיין קינדער ניט, און פון בריינדלין וואלט זיא אוודאי געהאט נחת, איז זיא, נעביך, שטענדיג קראנק. צרות און צרות שיקט איהר גאטט צו יעדעס יאהר, זיא האט שוין קיין כח ניט צו לעבען.

אין דעם אלעמען דערמאנט זיך שרה־פעסי, ווען דיא ימים נוראים פלעגען נא־הענט קומען, דאן גיט זיא זיך אב חשבון פון אלעס. וואס נאט האט מיט איהר געטהון אין איהר גאנץ לעבען. זאל זיא דערלעבען דיא ימים נוראים, — פלעגט זיא זיך טראכטען, — וועט זיא איינלעגען דיא וועלט, זיא וועט אין שול מרעיש עולם זיין און זיך איינשפארען, אז ער וועט זיא מוזען אויסהערען און ער וועט איהר מוזען געבען א גוט קוויטיל פון געזונד, שפע, פרנסה און הצלחה מיט אלעם גוטען פאר איהר מאן און קינדער מיט דיא אייניקליך. זיא וועט איהם ניט אבלאזען, זיא וועט איינרייסען דיא שוהל, זיא האט שוין קיין כח ניט איבערצוטראגען דיא אלע צרות, וואס ער שיקט איהר צו, ער וועט מוזען מיט זיין גרויס גערעכטינקייט זיך מרחם זיין אויף איהר..

און וויא עס האט זיך נור אנגעהויבען דער ראיש חודש אלול, האט שרה פעסי איינגעבונדען אין א פאטשיילע איהר גרויס קרבן מנחה, דיא ש״ם תחינות, דאס מענה לשון מיט איהרע ברילען און אנגעהויבען יעדען טאג לויפען פריה אין שוהל אריין. קיין איינציג מאל האט זיא ניט דורכגעלאזט דאס גאנצע דאווענען, דיא תחינות און דאס הערען שופר בלאזען. וואס ווייטער — ווען עס האט זיך אנגעהויבען דיא סליחות צייט — פלעגט שרה פעסי נאך פריהער אויפשטעהן, ווינציגער פערברייננען אין דער היים און מעהר אין שול, אויף דעם הייליגען ארט, אויף קבר אבות און מעסטען פעלד. איהר גאנץ בעל בתישקייט האט זיא אויף דער צייט געלאזט אויף הפקר — אויף איהר שטודירטע טאכטער גיטל. א שעהן בעל בתישקייט האט זיך אין דער צייט געפיהרט, אימשטיינס געזאגט — האט זיך שרה פעסי געטראכט — נאר וואס האט זיא געקענט טהון? מיט דיא ימים נוראים, מיט אויסבעטען א גוט סוויטיל, האט זיא גוט געוואוסט, אז זיא האט זיך אויף קיינעם ניט צו פערלאזען: טהייל פון איהרע קינדער ווילען נאר ניט דאווענען און טהייל געהען אין שוהל נור לפנים און רעדען אין

לאבען דארט מעהר וויא זיי דאווענען, אפילו
אויף איהר אלטען — אויף איהר מאן
האט זיא זיך אויך ניט געקענט פערלא־
זען, — ער איז ניט דער שמואל זיינוויל
וואס אמאל, ווען ער האט פאר איהר
חתונה געהאט און געזעסען ביי איהר טא־
טע מאמע אויף קעסט. ער האט זיך אין
גאנצען איבערגעביטען, — דער אלטער נאר
איז נאכגעגאנגען דיא נארישע קינדער און
איז א גרויסער בעל עברה'ניק, — גאט זאל
נור מוחל זיין איהם און איהרע קינדער
פאר זייערע זינד. אויף קיינעם, אויף קיי־
נעם קען זיא זיך ניט פערלאזען.... זאגען
זיי, וועלען זיי ניט פאלגען און וועלען זיא
נור אויסלאכען, זיי לאכען און שפעטען
אזוי אויך פון דער מאמען, וואס זיא
לויפט אלע טאג אין שול אריין מיט איהר
קרבן מנחה. און שרה פעסי פלעגט אי־
בערלאזען דיא שטוב אויף הפקר און זיך
אבגעבען מיט גאט בעטען. „דיא שטוב
וועט ניט אנטלויפען און דיא טייערע צייט,
ווען מען קאן אלעס אויסבעטען ביי דעם
וואס לעבט אייביג, טאר מען ניט פער־
לירען; דיא געצעהלטע טעג, ווען אלע שערי
רחמים זענען אפען, דארף מען נור בע־
טען און בעטען, א מינוט טאר אין דיא
פארכטיגע טעג ניט אוועקגעהן אין פוסטען
עולם הזה“. און שרה פעסי פלעגט יעדען
טאג ביים דאווענען און ביי דיא סליחות
בעטען פאר זיך און פאר איהר מאן מיט
דיא קינדער.

„אדון עולם, הערר פון דער גאנצער
וועלט, פלעגט זיא בעטען צו סליחות, דוא
ביזט געוועזען א קעניג, נאך איידער דוא
האסט בעשאפען דיא וועלט און דוא
האסט אלצדינג בעשאפען, אזוי וויא דוא
האסט געוואלט פון דיין כבוד וועגען, און
ווער קאן דערצעהלען דיין גרויסקייט און
אבפערקייט, דאס שטארקייט און דאס
הערשאפט אין דיין האנד. אין דיין האנד
בעהאלט איך מיין נשמה אז איך טהוא
שלאפען, און אז איך טהו וואכען קעהרסט
דוא ווידער אום מיין נשמה אין מיין גוף
אריין. אז גאט איז מיט מיר, טהו איך
גאר ניט זארגען און מורא האבען פאר
קיין שום זאך, דערום, רבונו של עולם,
הערר פון דער גאנצער וועלט, קום איך
בעטען פאר דיר מיט א צובראכען הארץ
מיט א שטאמעלדיגער צונג און מיט א
צובראכען געמיט, פארגיב מיט דיין גרוי־
סען חסד מיינע זינד און דיא זינד פון
מיינע נארישע קינדער און פון מיין נאר־
רישען מאן, זיי זענען בלינד און זיי וויי־
סען ניט וואס זיי טהון. איך וועל דיך היי־
ליגען און תשובה טהון. דוא ביזט דער
גאט, וואס דוא פערנעהמסט דיא צוברא־
כענע הערצער, אזוי וויא אליהו הנביא
האט געזאגט צו דיא פאלשע נביאים:
שרייט שטארק צו אייער גאט, טאמער
וועט ער דערהערען, אבער אונזער גאט

פערנעהמט באלד אונזער געבעט. יהי רצון עס זאָל זיין דער ווילען פאר דיר גאָט, מיין גאָט און גאָט פון מיינע עלטערן, אז עס זאָל זיין דיא היינטיגע צייט, וואָס איך שטעה פאר דיר צו בעטען פאָר מיר, פאר מיין מאן און קינדער און פאר כל ישראל, א דערבארעמדיגע צייט, אז דוא זאָלסט אונז בעהיטען פון אלע קריינק און פון אלע שפלות און פערשעמונג. איך בעט דיך, ליעבער גאָט, זאָלסט אונז געבען א יאָהר פון געזונד, שפע, פרנסה און הצלחה, און אלע מיינע תפילות זאָלען אָנגענומען ווערען. אָמן סלה“.

עס זענען אוועקגעגאנגען דיא פאָרכטיגע טעג, דיא סליחות, זכור ברית, ראש השנה, צום גדליה, און שרה פעסי איז ניט נור מיעד געוואָרען לויפענדיג אין שול אריין, דאוונענדיג און בעטענדיג, נאָר זיא איז לעבעדיגער, שטארקער און מוטהיגער געוואָרען. ווען שרה פעסי פלעגט אָנטהון דיא ברילען און אָנהויבען זאָגען מחזור אָדער תחינות, פלעגט קנאקען איבער דער גאנצער ווייבערשער שול. אלע ווייבער, וואָס האָבען ניט געקענט אזוי גיך און גוט „זאָגען“ און ניט געקענט „נאָכלויפען דעם חזן“, פלעגען פערמאכען זייערע מחזורים און תחינות און צורוקענדיג זיך נעהנטער צו שרה פעסים אָרט, איהר נאָכזאָגען וואָרט ביי וואָרט. עס איז געוועזען איין אמת'ער פערגעניגען שרה פעסין הערען זאָגען, מען האָט דאן געוואוסט פון איין אמת דאוונען: „פעריל שיט זיך פון איהר מויל“, פלעגען דיא ווייבער זאָגען.

אָפט פלעגט שרה פעסי צוויי מאָל זאָגען איין תפילה.

— מען דארף דען זאָגען צוויי מאָל? פלעגען זיא דיא ווייבר פרעגען.

— ניין, איהר דארפט ניט זאָגען דאס צווייטע מאָל....— פלעגט זיא ענטפערען.

דאָס צווייטע מאָל פלעגט זיא זאָגען אין דער שטיל, אז קיינער זאָל ניט הערען.

— ליעבער גאָט, דאָס האָב איך געזאָגט פאר מיין מאן און קינדער, אפשר האָבען זיי מיט זייערע תפילות געפאלשעוועט קענען דיר, איך בעט דיך, ליעבער גאָט, דוא זאָלסט זיי מוחל זיין פאר זייערע זינד.

II.

ערב יום כפור איז שרה פעסי געוועזען אזוי פערנומען מיט זיך — מיט צוגרייטען זיך אויף יום כפור, אז קיינער פון דיא הויז לייט, וועלכע פלעגען זיך אמאָל ווערטלען איבער איהר פיעל דאוונען, האָבען איצט פראָסט מורא געהאט מיט איהר צו רעדען א וואָרט — אזוי ערנסט, אזוי פערטיעפט איז זיא געוועזען אין איהרע געדאנקען,— א קלייניגקייט וואָס איצט שטעהט פאר! אלע פאָרכטיגע טעג, וואָס זענען ביז איצטער אוועקגע־

גאנגען אין דאווגען און אין בעטען, זענען גאר ניט קענען דער נאכט מיט דעם טאג. וואס דארפען ערשט איצט קומען. אלע טעג, אפילו מיט ראש השנה צוזאמען, זענען גאר נישט קעגען יום כפור. יום כפור איז דער עיקר, אין דעם טאג זענען אפען אלע שערי הרחמים, אין דעם טאג נעמט מען ארויס אלע ביכער, וואו דעם מענשענס מעשים זענען פערשריעבען, מען עפענט דעם ספר הזכרונות פאר גאט. ב־ענענדיגע מלאכים שטעהען ארום צו בעדיענען איהם, טהייל זענען מקטרגים און טהייל מליצים, דיא מענשען שטעהען צום משפט, גאט איז א דיין און א מוכיח, ער אליין איז איין עדות, ער אליין שרייבט און חתמ'עט, ווער עס זאל לעבען, ווער עס זאל שטארבען, ווער עס זאל שטארבען פון הונגער און פון דארשט, ווער פון א מגפה און ווער עס זאל דערווארגען ווערען, ווער עס זאל זיין נע־ונר און ווער עס זאל לעבען רוהיג, ווער עס זאל פאלען און ווער עס זאל דערהויבען ווערען.

אלעס איז געווענדט אין דעם טאג,— דאס ווייסט זעהר גוט שרה פעסי, און מיט איהר גאנצען הארצען, מיט אלע איהרע אברים פיהלט זיא, אז מען דארף דיא נאכט מיט דעם טאג צו ארבייטען מיט תשובה, תפלה און צדקה. מען דארף איינלענען דיא וועלט, איינרייסען דיא שול, איהרע תפילות זאלען אנגענומען ווערען און זיא מיט איהר מאן און קינדער זאלען האבען א גוט קוויטיל מיט א גוט יאהר.

יעדע מינוט איז איצט טייער.. און שרה פעסי איז נאך ליבט בענשען מיט פערוויינטע אויגען גיך געגאנגען מיט איהר מחזור, מיט דער ש״ם תחינה און מיט איהרע ברילען אין א פעקיל אין שול צו כל נדרי. זיא האט זיך געשטעלט אויף איהר „שטאדט". צובונדען דיא פאטשיילע, ארויסגענומען דיא תחינה מיט דעם מחזור, און זיי אנידער געלעגט אויף דעם שטענדער, אויסגעווישט גוט דיא ברילען און זיי אנגעטהון. פעסט און שטארק האט זיא זיך געשטעלט נעבען שטענדער און זיך געפיהלט בכח אזוי אבצושטעהן אויף דיא פיס דאס גאנצע דאווגען, זיך געפיהלט בכח א ים טרעהרען אויסצוגיסען פאר דעם וואס לעבט אייביג און וויא א חיל'ס־מאן אין זיין כלי זיין איז גרייט זיך צו ווארפען אין דער מלחמה מיט זיכערקייט, אז ער וועט גובר זיין דעם שונא און ראטעווען זיין פאלק, זיין לאנד, אזוי אויך האט זיך שרה פעסי איצט געפיהלט שטארק און זיכער, אז זיא וועט איצט מיט איהרע תפילות פערטאכען דיא בייזע מיילער פון דיא מקטרגים און אז ער וועט חתמ'נען א גוט קוויטיל פאר איהר מיט דעם מאן און קינדער — זיא

וועט גובר זיין און אַלע ראטעווען מיט א גוט, געזונד און גליקליך יאָהר.

איידער דער חזן האָט זיך געשטעלט צום עמוד, האָט זיא מיט הארץ און מיט טרעהרען געזאָגט דיא „תחינה לערב יום כפור“, און אַלע ווייבער האָבען געוויינט נאָכזאָגענדיג.

דער חזן האָט אָנגעטהון דעם קיטעל מיט דעם טלית, זיך געשטעלט צום עמוד און אָנגעהויבען זיין שטילע תפילה, וועלכע ער האָט אַלע מאָל איבערגעריסען מיט א גרויס חליפעריי. דער עולם אין דער מאַנסבעלשער שול און דיא ווייבער האָבען זיך ניט געקענט איינהאלטען און אויך געשטיקט אין זיך דיא טרעהרען, איינהאַלטענדיג זיך פון וויינען, כדי ניט צו שטערען דיא שטילע תפילה פון שליח צבור. דיא הויט האָט איצט געציטערט אויף יעדען, דיא הערצער האָבען זיך געוואָרפען און געצאַפּעלט. יעדער, פון גרויס ביז קליין, פון רייך ביז אָרים האָט געפיהלט, אז איצטער זענען דיא שרעקליכע מינוטען.... און אין מיטען דער שרעקליכער שטילקייט האָט דער חזן מיט א קול וויא פון א קבר אָנגעהויבען שרייען: על דעת המקום ועל דעת הקהל בישיבה של מעלה!.... א ציטערניש איז יעדען איבערגעגאַנגען איבער דעם לייב, איין איינגעהאלטען געוויין האָט זיך ארויסגעריסען פון פיעל הערצער און עס האָט אויסגעשאָסען איבער דער גאַנצער שול, טרעה ען האָבען זיך אָנגעהויבען גיסען און גיסע, שטארק און הויך זענען געוואָרען דיא קולות פון דער ווייבערשול, נאָר העכער פון אַלע ווייבער האָט מען געהערט שרה פעסים קול. עפּיס א בעזונדערע שטאַרקע קראַפט האָט זיך איצט אין דער שוואַכער, אַלטער יודינע געוויזען, עפּיס א בעזונדער גבורה איז געווען אין איהר קול.. נאָר פלוצים רייסט זיך איבער איהר שטאַרקער קול, איהר פנים ווערט בלאַס.. זיא קוקט מיט דיא אויגען ארום זיך.. זיא זוכט עפּיס.. . איהרע אויגען בעטען הילף.... זיא בויגט זיך איין און זוכט אויף דער ערד.... דיא ענגשאַפט איז גרויס.... זיא קען זיך ניט איינבויגען.... דער חזן זינגט מיט דעם הארצרייסענדיגען ניגון כל נדרי.... קיינער האָט קיין צייט זיך אומקוקען אויף שרה פעסין.... קיינער בעמערקט זיא אפילו ניט.... יעדער איז פערטהון אין זיין מחזור און אין זיך זעלבסט. שרה פעסי רעדט עפּיס, וועיזט מיט דער האַנד אויף דער ערד.... נאָר קיינער זעהט ניט, קיינער בעמערקט ניט....

ערשט ווען דער חזן האָט אָבגעזונגען כל נדרי, האָט מען דערהערט וואָס זיא רעדט:

— וועה איז מיר! מיינע ברילען זענען אראָבגעפאַלען.. העלפט מיר געפינען! — וועה איז מיר! כל נדרי האָט מען שוין אָב

געזאָגט.. וועה איז מיר!....

דיא נאָהענטע שכנים האָבען איהר געהאָלפען זוכען און מען האָט אויפגע־הויבען דיא ברילען פון דער ערד. נאָר מיט צובראָכענע גלעזער, הוילען מעשען דראָטע־נע אנגלאבליעס זענען פון דיא ברילען גע־בליבען.. בלאַס וויא דיא וואנד איז שרה־פעסי געבליבען זיצען אויף איהר אָרט.... זיא איז געבליבען וויא א פערשולדיגטע, וואָס מען האָט פער׳משפט. זיא האָט דער־פיהלט וויא צוגלייך מיט דיא ברילען האָט זיך אויך איהר הארץ צובראָכען, און וויא אַלע איהרע גוטע האָפענונגען אויף דיא ימים נוראים זענען וויא רויך צוגאַנגען.

— וועה איז מיר, פינסטער איז מיר! וואָס וועל איך איצטער טהון אָהן מיינע ברילען?.... האָט זיא אַלץ געריעדט צו זיך און געבראָכען מיט דיא הענד.

דער חזן דאווענט, דיא משוררים זינ־גען. מען האַלט שוין נאָך „יעלות". אַלע ווייבער האַלטען אין איין זאָגען און שרה פעסי זיצט אויף איין אָרט און קרעכצט.

אָהן איהרע ברילען האָט שרה פעסי גאָר ניט געזעהן אין מחזור. מיט פינף יאָהר צוריק, ווען זיא האָט געליטען אויף דיא אויגען, איז זיא געפאָהרען קיין קיעוו צום פראָפעסאָר זיך קורירען, און נאָכדעם וויא זיא האָט זיך אויסקורירט, האָט דער פראָפעסאָר איהר פערשריבען ברילען און איהר געזאָגט, אז זיא איז געזונד און קען שוין מיט זיי פאָהרען אהיים. זיא האָט טאַקי דיא ברילען געקויפט אין קיעוו, וויא דער פראָפעסאָר האָט איהר געהייסען, און פון דאמאלס אָן זעהט זיא ב״ה אלעס אויף איהרע ברילען, זיא האָט אויך ניט איין מאָל געפריווט קוקען אויף אַנדערע ברילען, נאָר זיא זעהט ניט וויא נור אויף איהרע.

דער חזן הויבט אָן צו זאָגען „סלח נא". שרה פעסי חאַפּט זיך אויף פון איהר אָרט וויא איין אָבגעבריהטע און בעט זיך ביי א יודענע, זיא זאָל איהר לייהען דיא ברילען. זיא זאָל כאָטש אויך איין תפילה אָבזאָגען מיט דעם חזן וויא עס דאַרף זיין. פון רחמנות לייהט איהר דיא יודענע דיא ברילען, שרה פעסי טהוט זיי אָן, קוקט אין מחזור, נאָר זיא זעהט מעהר ניט וויא א טומאַן, א חמארע, אַלע אותיות זענען צונאָסען, צומישט און מיט א טיעפען זיפץ גיט זיא אָב צוריק דיא ברילען.

— איך זעה גאָר ניט.... איך זעה נור אויף מיינע... זאָגט זיא און פון גרויס יסורים לאָזט זיא זיך ווידער אראָב אויף איהר אָרט און זיצט און זיפצט און ברעכט מיט דיא הענד.

— „סלח נא זדונות", שרייט דער חזן און דיא ווייבער זאָגען נאָך: סלח נא זדונות, איך בעט דיך, פארגיב דיא זינד,

וואס זענען געטהון געוואָרען מוטווילי׳ג און אומגערען.

שרה פעסי האט ווערטער ביי די ווייבער פון מויל.... זיא דערהערט ניט אלע ווערטער, זיי זאָגען ניט גוט און הי־פען פיעל ווערטער איבער.

— אלץ איינס, וויא גאָר ניט געדאַ־ווענט, טראכט זיא — רבונו של עולם! ווי מיר מוחל.... איך בין ניט שולדיג, וואס איך קען ניט טהון קיין תשובה ותפילה, בעט זיא ביי גאָט מיט איהרע אייגענע ווערטער....

דער חזן זאגט שוין „על חטא“, אָהן ווערטער קלאפט זיך שרה פעסי אין הארצען....

מען האט אָבגעדאווענט, טהייל עולם צוגעהט זיך אהיים, טהייל בלייבט דיא גאנצע נאכט.

איהר מאן איז זיא געקומען אָבנעה־מען פון שול אהיים, זיא דערצעהלט איהם פון איהר אומגליק מיט דיא ברילען. נאר קיינער קען איהר ניט העלפען. אין שטעד־טיל געפינט זיך גאָר ניט אזא קרעמער, וואס זאָל האנדלען מיט ברילען. — נאָך יום כפור, טרייסט זיא דער מאן, וועט מען שיקען געלד קיין קיעוו, וועט מען ארויס־שיקען דעם אייגענעם נומער ברילען. נאר שרה פעסי טרייסט זיך דערמיט גאָר ניט. אין א שרעקליכען פחד האט זיא פער־בראכט דיא יום כפור נאכט, זינט זיא איז א מענש געוואָרען, האָט זיא יום כפור קיין אייננציגע תפילה ניט פערפעהלט, און איצטער אויף דער עלטער דארף זיא אים יום כפור ניט דאווענען, און ווער, ווער פון איהר הויזגעזינט וועט דאווענען און אויסבעטען א גוט קוויטיל מיט א גוט יאָהר, ווען ניט זיא!

— איין גאָט זאָל אויף מיר און מיין הויזגעזינט זיך מרחם זיין, טראכט שרה פעס אין איין ציטערניש און אין פלאַ־טערניש.

III.

אויף מאָרגען איז שרה פעסי מיט א צובראכען הארץ געגאנגען אין שוהל אריין....

דעם גאנצען טאָג האָט זיא פיעל גע־ליטען צוזעהענדיג, וויא דער יום כפור געהט ביי איהר אוועק, און זיא טהוט גאָר ניט, צוזעהענדיג וויא אנדערע ווייבער, וואָס פלעגען איהר נאכזאגען, דאווענען איצטער וויא אזוי עס איז אין זייערע מחזורים, און זיא, שרה פעסי, וואס פלעגט יעדען יום כפור מיט איהר דאווענען איינלעגען דיא שול, זיצט איצטער וויא עפיס א דיענסט קעבען, וואס קען ניט דאווענען און קען זיך ניט אויסטענה׳ען מיט דעם רבונו של עולם.

נאָר נאָך מעהר האט זיא געליטען און איין גרויס הארצוועהטאג האט זיא

גנעהאפט, ווען מען איז געקומען צו דיא גרויסע תפילות וויא „לאל עורך דין" און „אמרו לאלחים". ווען דער עולם האט זיך מיט רעש אויפגעחאפט צו דיא תפילות.

— אוי וועה איז מיינע יאהרען און טעג - האט זיך שרה פעסי אויך אויפגעחאפט פון איהר ארט — אזא גרויסע תפילה ווי לאל עורך דין, און איך קען גאר ניט טהון.. וועה איז מיר!.. זיי מיר מוחל, ליעבער גאט, איך בין ניט שולדיג, האט זיא געבעטען און קיין ארט זיך ניט געפונען פון אונרוהיגקייט.

עס איז געקומען צו ונתנה תוקף.. דער עולם האט זיך שטארק רעש'ענדיג אויפגעחאפט צו דער תפילה. דער חזן האט אנגעהויבען.. שרה פעסי איז אויך אויפגעשטאנען פון איהר ארט, עס האט זיא שטארק פערקלעמט ביים הארצען, זיא האט געפיהלט אז דעם וועהטאג קען זיא שוין ניט איבערטראגען, און שטעהענדיג אזוי אויף איהר ארט מיט דעם פנים צו דער וואנד האט זיא זיך שטיל צוויינט וויא א קליין קינד.

— רבונו של עולם, וואס ווילסט דוא האבען פון מיר, אהן דיר טהוט זיך קיי זאך אויף דיין וועלט, איך בין ניט שולדיג וואס דוא האסט צובראכען מיינע ברילען און האסט צוגענומען פון מיר מיינע אויגען, איך זאל ניט קענען תפילה טהון פאר דיר. דוא ווייסט, ליעבער גאט, אז איך מיט מיין הארץ זענען אין גאנצען צו דיר, און איך וויל דיך טאג מיט נאכט דיענען. מיט דיין גרויס רחמנות זיי זיך מרחם אויף אויף מיר, אויף מיין מאן מיט אונזערע קינדער, זיי אונז מוחל אונזערע גרויסע זינד, וואס מיר טהון געגען דיר און שרייב אן און חתמ'ע פאר אונז א גוט קוויטיל מיט א געזונד, גליקליך יאהר פאר מיין מאן, פאר מיינע קינדער און פאר כל ישראל, איך בעט דיך, ליעבער גאט, מיט דעם גאנצען הארצען.

לאנג האט זיא אזוי מיט איהרע אייגענע ווערטער און גאר אהן ווערטער געוויינט און געבעטען דעם וואס לעבט אייביג, און שרה פעסי האט עפּיס פלוצים דערפיהלט וויא עס איז איהר ליכטיג געווארען אין דיא אויגען און גרינג אויף דעם הארצען. אזוי ליכטיג, אזוי גרינג האט זי זיך דאס ערשטע מאל געפיהלט אין, איהר לעבען. זיא איז קיין מאל ניט געוועזען אזוי זיכער, אז גאט דערהערט איהרע תפילות און אננענומען איהרע בקשות וויא איצטער. דאס ערשטע מאל אין איהר לעבען האט זיא דערפיהלט, אז פאר דעם וואס לעבט אייביג קען מען דאווענען און אויסבעטען אלדעס גוטס אהן מחזורים און אהן ש"ס תחינות.

זיא האט געפיהלט, אז אין איהר גאנץ לעבען האט זיא דאס ערשטע מאל גע־דאוועגט פאר גאט מיט א ריין לויטער הארץ און קיינמאל איז זיא ניט געוועזען אזוי זיכער וויא איצט, אז ער האט איהרע תפילות דערהערט.

דער
יודישער ש־ום עליכם.
פון
מ. ספעקטאר

בײ יודען איז אײנגעפיהרט ווען צוויי
מענשען בעגעגנען זיך, זיי מעגען טאקע
זיין גאר פרעמדע, צווישען זיך קיין שום
נעשעפטען, קיין שום שייכות ניט האבען,
איינער מיט דעם אנדערען מעגען זיין פער־
שיעדען אין כאראקטער, אין דער לאגע—
אויף אלע אופנים איז דאך א מצוה זיך
איינער דעם אנדערען צו געבען דיא הענד
און זאגען „שלום עליכם", פרעגען „וואס
מאכט מען" א. ז. וו.

א יודיש קינד אז עס וואקסט אונ־
טער, מע לערנט איהם שוין ברכות זאגען,
לערנט מען איהם אויך, אז ווען א פרעמ־
דער מענש קומט אריין זאל ער איהם געבען
„שלום עליכם", ווארום דאס הייסט —
זאגען זיי איהם — דרך ארץ.

וועמען פון אונז איז ניט בעקאנט
„דער יודישער שלום עליכם" ? — איהר
מעגט געהען געקליידעט וויא א געבוירע־
נער פראנצויז, זיך גאלען דיא באָרד וויא
איין אמת'ער גוי אז אין אייער פנים זאל
מען ניט דערקאנען קיין יודישען אדער,
איהר מעגט זיין א וואיענער דאקטאר,
טראגען עפאלעטען, נאר פריפט פארפאה־
רען אין א יודישע אכסניא ; כל זמן דער
בעל אכסניא וועט מיינען אז איהר זענט
טאקע א גוי גמור וועט ער אראפכאפען
פאר אייך דאס היטעל, און בייגען זיך
אין דרייען מיט שרעקענעם און ציטערנעם
פונקט וויא אין א פאנטשיזנע צייט דער
חלאפ—דער מוזשיק פאר דעם פאליאק ;
נאר קוים דערהערט ער פון אייך א יודיש
ווארט, צו איהר זאגט איהם אז איהר זענט
א יוד, זאלט איהר זעהען וויא דער אייגע־
נער יוד ווערט גאר אן אנדער מענש —
וועט פאר אייך שוין ניט זעהען שטעהן
דעם פריהערדיגען חלאפ — א יודעלע מיט
א דערשראקען בלייך פנים, ער ווערט
אונטערגעוואקסען מיט עטליכע וועריש־
קעם. דורך אייער ווארט אז איהר זענט „א
יוד", זיין ברודער, בעקומט ער פליצים א
פרעהליך פנים ; מיט שטארקייט, גרויס־
קייט לעגט ער פריינדליך אריין זיין
שווארצע פערהארעוועטע ברייטע האני־
אין אייער ווייס איירָאפעאיש הענטעל...

ער זעהט שוין מעהר ניט אין אייך
א פריץ, וויא ער האט פריהער געמיינט
אויף אייך, ער זעהט איצט פאר זיך זיין
אייגענעם ברודער, איהר מעגט זיין ווער
איהר ווילט, אבי איהר טראגט דעם נאמען

„יוד“, ווייסט ער זעהר גוט און פיהלט אז איהר ווייסט דעם ביטערען טעם פון יודי־שע צרות גלייך מיט איהם, איהר פיהלט זיינע וועהטאָגען גלייך מיט איהם, זיין הארץ ווערט איצטער ברייטער וויא לעב־נער פאר פרייד וואס ער האט אין אייך דערקענט א יודען — זיינעם א אומגליק־ליכען ברודער און דערלאנגט אייך דעם יו־דישען „שלום עליכם“ און זאָגט אייך: „שלום עליכם ברודער, וואס מאכט א יוד, וויא אזוי געהט עס יודען אויף דער וועלט?...

איהר האט אין אייער לעבען ניט געהערט אז א קריסט זאָל פרעגען דעם אנדערען קריסטען וויא אזוי געהט עס, וויא אזוי לעבען דיא קריסטען זייערע ברידער; אפילו ווען ער בעגעגענט זיך מיט זיין בעסטען גוטען פריינד פרעגט ער איהם נאָר אויף זיין ווייב און קינדער און מעהר ניט. — אָבער נאָך ניט געזעהן אז ווען א יוד בעגעגענט זיך מיט זיין גוטען פריינד, ווען ער פרעגט אויף זיין ווייב און קינדער זאָל ער דערנאָך אויך ניט פרעגען וואס טהוען זיינע ברידער, ד. ה. וויא אזוי געהט עס יודען?

און עס איז גאָר קיין וואונדער ניט וואס עס איז אזוי איינגעפיהרט געוואָרען ביי יודען — דיא יודישע בלוטיגע געשיכ־טע, דאָס יודישע שווארצע ביטער געמי־טשעט לעבען, דיא יודישע צרות וואס לאָ־זען זיי ניט אָפּסאָפּען אויף א מינוט, האָ־בען אזוי איינגעוועהנט דעם יודען דערצו; דער יוד לעבט שטענדיג אין שרעק, אין צרות, אין דאגות, ער איז קיין מאָל ניט פארזיכערט פאר דעם צווייטען טאָג, ער וואונדערט זיך שטענדיג אליין — וויא אזוי לעבט ער, דארום ווען ער בעגע־גענט נאָר פרעגט ער שטענדיג וויא אזוי לעבען דיא אנדערע יודען, וויא אזוי געהט עס זיי, וואס מאכען זיי, דארום האט זיך אין יודישען כאראקטער איינגעוואָרצעלט דער מנהג, אז ער בעגעגענט א פרעמדען מוז ער איהם געבען „שלום עליכם“, אויס־פרעגען איבער יעדער זאך וויא עס געהט איהם. וויא עס לעבט זיך, וויא גלייך ער איז שוין מיט איהם לאנגע יאהרען בע־קאנט און זיי זיינען צווישען זיך גוטע ברידער.

פון קליינערהייט אָן געוועהנט מען דעם יודען אז קיין פרעמדער יוד איז גאָר ניט פאַרהאַנדען, אַללע יודען קעהרען זיך אָן קרובים, פעטערס א. ז. וו.

היינט קען שוין דאס יודישע קינד, וואס וואקסט נאָך דעם אויס א גרויסער יוד, קוקען אויף יודען וויא אויף פרעמדע?

דיא היינטוועלטיגע יודען האָבען שוין אפילו ארויסגעשטופט פון דער מאָדע דעם „יודישען שלום עליכם“, צוזאמען מיט נאָך א סך יודישע איינפיהרונגען, וועלכע זיי רופען אָן אלטיודיש, קליינשטעדטעל־דיג; זיי לאַכען כמעט פון דעם „שלום עליכם“—סטייטש, זאגען זיי, וואס קעהר זיך אָן מיט מיר דער פרעמדער ער זאָל מיר אדער איך איהם טיטשען דיא האנד? וואס פאר א מחותן איז ער מיט מיר? א. ז. וו.—ביי זיי איז איינגעפיהרט אז מע

דארף זיך באין אופן ניט וויטעטען מיט דעם אנדערן כל זמן עס האט זיך פריהער ניט געפונען איינער וואס קען זיי ביידען און זאל זיי פארשטעלען און בעקענען מיט א געוויסער פארמאלנאסט: איך האב דיא עהרע א. ז. וו.

אבער וואס פאר א נוצען און פער־גניגען ברענגט אפט דעם מענשען דער יר־דישער „שלום עליכם", און וואס פאר א זארג, כמעט דיא גרעסטע נויטה ברענגט דעם מענשען וואס געפינט זיך צווישען היינטוועלטיגע יודען וואס מע וויל גאר ניט וויסען פון דעם יודישען „שלום עליכם".

שטעלט אייך פאר אזא געשיכטע מיט אזוינע צופאלען וואס טרעפען זיך אפט מיט יעדען מענשען:

א יוד ווערט פערווארפען פון זיין היים אין א פרעמדער שטאדט אהן א גרא־שען, עלענד וויא א שטיין, ער בלאנקעט זיך ארום אין דיא פרעמדע גאסען און זוכט פון אלע זייטען עפעס אמיטעל צום לעבען ער זאל קענען בלייבען וואוינען אין דער שטאדט אדער חאטש דערווייל האבען אויף א שטיקעל ברויט, און גע־פינט ניט דאס און ניט יענץ, נאך מעהר ער האט דעם גאנצען טאג אפילו מיט קיי־נעם קיין האלב ווארט ניט גערעדט, ער האט אפילו ניט פאר וועמען אויסצורעדען זיין ביטער הארץ, קיינער פרעגט איהם גאר ניט, עס געהט קיינעם ניט אן.— דא נאטירליך דערמאנט ער זיך אן זיין וויטער היים, זיינע בעקאנטע און גוטע פריינד וואס ער האט אין דער היים, ער פארגעסט שוין איצטער אן דעם וואס ער האט זיך ארומגעבלאנקעט א גאנצע טאג אומזיסט, ער פארגעסט שוין גאר אז ער האט ניט וואס צו עסען און איז הונגעריג, ער טראכט נאר וועגען דעם:

— אך, וואו נעהם איך יעצט חאטש א בעקאנטען, א גוטען פריינד, איך זאל חאטש קענען פאר איהם אויסרעדען מיין ביטער הארץ, מיינע צרות, וואלט מיר אביסעל געווארען גרינגער...

דער עלענדער וואלט איצטער פאר „אויסרעדן זיך דאס הארץ" אוועקגעגעבען צעהן יאהר לעבען... נאר אט געהט ער אין קלויז, אדער אין גאס, וואו עס שטעהט א רעדעל יודען, דיא יודען דערזעהען דעם פרעמדען יודען און דריקען איהם אלע גלייך דיא האנד, געמיינע לייט, בעלי בתים און גבירים, אלע גלייך געבען איהם דעם פריינדליכען „שלום עליכם" און פרעגען איהם פון וואנען איז א יוד, מה שמכם.

ביים פרעמדען יודען, זיינען דיא עטליכע ווערטער א טרייסט פאר זיין פארביטערט הארץ, ער קוקט זיך ארום און זעהט אז ער איז שוין ניט אזוי עלענד, און וויא עס פיהרט זיך ביי אידען—מיט דעם „שלום עליכם" ענדיגט זיך נאך ניט, מע פרעגט איהם וויא אזוי עס געהט איהם, וואס איז זיין פרנסה, מיט וואס פאר־נעהמט ער זיך א. ז. וו.

טאמער פערשטעהט מען אן זיינע רייד אז ער איז הונגעריג, געפינט זיך באלד א יוד וואס, אהן שום צערעמאניעס, בעט איהם צו זיך אהיים, זעצט איהם ביים טיש אויבען אן גלייך מיט איהם,

ער הייסט דער ווייב דערלאנגען וואס עס איז נאר דא אין שטוב און גיט אכטונג דער פרעמדער יוד זאל ווערען זאט; טאַ־מער איז דער פרעמדער יוד איין ארימאַן ד. ה. ער טראגט צוריסענע קליידער, רעדט ער מיט איהם ביים טיש פון תורה, און אז ער געהט אוועק ווייסען דאס ווייב און קינדער אז ביי זיי האָט היינט געגעסען איין „אורח", נאר טאמער איז דער פרעמ־דער יוד אזא מין ארימאן וואס טראגט דווקא גאנצע קליידער נאר ער געפינט זיך אין א שלעכטער לאגע, דורך וועלכע ער האָט איצט געמוזט אָנקומען צו א פרעמ־דען טיש, מיט אזא מין ארימאן רעדט דער בעל הבית ביים טיש ניט פון קיין תורה נאר פון וועלט־זאכען, וויא מיט א סוחרישען יודען, און אז ער געהט אוועק ווייסט דאס ווייב אז ביי איהר טיש האָט היינט געגעסען דעם מאנס „א בעקאנטער סוחר" און ביי דיא קינדער הייסט דער סוחר א „פעטער""...

זעהען מיר דאס ביי דיא היינטוועל־טיגע יודען? ביי זיי קען זיך ארומדרע־הען א פרעמדער חדשים לאנג, און טאמער האָט ער ניט נעהאט דאס גליק צו האָבען א בעקאנטען וואס זאל איהם פארשטעלען מיט דיא אלע מאָדנע צערעמאָניעס, מעג ער פשוט שטארבען פאר א שטיקעל ברויט אויסגעהען פאר הונגער אין גאס, וועט איהם קיינער ניט פרעגען ווער און וואס און וועןן; פּריוואט זשע אָנהויבען צו רע־דען אומבעקאנטערהייט (ניט פארגע־שטעלט), וועט ער אייך ענטווערן איין־ווארט איבער א צעהנטען, אדער גאר ניט. ער וועט נאָך קוקען אויף אייך מיט שפּע־טישע אויגען וויא אויף א „יאלד" וואס ווייסט ניט וויא אזוי מע פיהרט זיך אין דער היינטיגער וועלט צווישען מענשען...

זאגט וואס איהר ווילט, נאר מיט דעם „יודישען שלום עליכם" האָט קיין יוד זיך ניט וואס צו שעהמען! דער „שלום עליכם" איז איינער פון דיא עטליכע טהייַ־ערע מנהגים וואס נאר טאקע יודען פאר־מאגען זיי. אין דעם „שלום עליכם" געפי־נען זיך א סך גוטע זאכען. ווער ווייסט? עס קען זעהר זיין אז דעם „שלום עליכם" האָבען מיר יודען א סך צו דאנקען וואס אין דיא צוויי טויזענד יאהר, זינט מיר זיינען צושפרייט געווארען צווישען אל־לערליי פרעמדע פעלקער, זיינען מיר ניט פארפאלען געווארען און יודען זיינען גע־בליעבען עד היום הזה כאיש אחד, ד. ה. ניט פארפרעמדט געווארען...

אידישע ליטעראטור.

אונטער דיעזען נאמען זיינען ביי אונז יעצט ערשיענען די פאלגענדע אויסגעוועהלטע ווערקע פון די בעסטע אידישע ליטעראטען און פּאָעטען.

אברהם אבינו'ס לעבענס־בעשרייבונג, א. ראזענבערג,	3
אויפגעקומענער גביר, שלום=עליכם,	3
אַז מען זאָגט משוגע, גלויב, י. ל. פרץ,	3
אידען אין פרס ומדי, א. טאנענבוים,	3
איזאבעלא'ס נשמה, ל. ראבינאוויץ	5
אייזיק'ל שוחט, י. ל. פרץ,	3
אינדיען (דאָס לאַנד), י. דינעזאהן,	5
אין שטראָם פון רעוואלוציאן, מ. דאַנציס,	5
דער אלטער און דער נייער דור (דור הולך ודור בא), א. גאָלדפאַדען,	15
ארץ־ישראל פושקע, מ. ספעקטאָר,	3
באַרדיטשעווער טהעאַטער, שלום=עליכם,	5
באַרדיטשעווער טראמוואי און האָטעלען, שלום=עליכם,	5
באשערט אנ'אונגליק, שלום=עליכם,	3
בבל (דאָס לאנד), י. דינעזאהן,	5
ביי'ם דאָקטאָר, שלום=עליכם,	3
בלינדער בעטלער, א. באראף,	3
בן יחיד, ב. גארין,	3
בשעת מגפה, י. ל. פרץ,	3
גאלדעלע, מ. ספעקטאָר,	3
גיטעלע'ס יום־כפור, י. דינעזאָהן,	3
גימענאזיע, שלום=עליכם,	3
געלד און לעבען, ד. עדעלשטאַט,	3
דור הפלגה, א. גאָלדפאדען,	5
היינריך היינע, ג. מ. באבאד,	3
הכנסת כלה, י. ל. פרץ,	3
אַ וויגרישנער בילעט, שלום=עליכם,	3
ווילדע מענשען אין אויסטראַליען, א. קאָטיק,	3
וועגס=לייט, בילדער פון מ. ספעקטאָר,	5
ווערא, ד. עדעלשטאט,	3
זעלדע געהט אין טהעאַטער, ב. גאָרין,	3
חינא (דאָס לאַנד), י. דינעזאָהן,	5
דער חלום, י. ל. פרץ,	3
חסידישע מעשה'לעך, י. ל. פרץ,	10
דאָס טעפעל, שלום=עליכם,	3
יאַנקעל פעססימיסט, י. ל. פרץ,	3
ירחמיאל'קע,	3
אַ כעס פון אַ יודענע, י. ל. פרץ,	3
ל"ג בעומר, שלום=עליכם,	3
ליטעראַרישע בריעף, ג. זעליקאָוויץ,	5
דער ליץ, י. ל. פרץ,	10
מאַן און ווייב, מ. ספעקטאָר,	3
דער מאהלער, ד. עדעלשטאַט,	3
מענדעל ברייגעס, י. ל. פרץ,	3
מעשה'לעך און חלומות, י. ל. פרץ,	3
מעשה'לעך פון דול=הויז, י. ל. פרץ,	15
משופע, י. ל. פרץ,	3
משוגענער בטלן, י. ל. פרץ,	3
משוגענער פילאָזאָף, א. גאָלדפאַדען,	15
די מוסרים, ב. גארין,	3
דער משולח, י. ל. פרץ,	3
ניט קיין גלייכע פּאָאָר, בן אביגדור,	3
נייער ראַבינער, ש. פרוג,	3
נעבאך, ב. גארין,	3
נעילה, י. ל פרץ,	3
די נשמה, י. ל. פרץ,	3
עגיפטען (דאָס לאַנד), י. דינעזאָהן,	15
ערקעלטונג און קאַטאַר, א. טאנענבוים,	3
אַנ'עצה, שלום=עליכם,	3
פּאָעזיע, י. ל. פרץ,	5
דאָס פינטעלע יוד, א. גאָלדפאַדען,	5
אַ פעקעל בריעף, י. ל. פרץ,	5
פערעלע, שלום=עליכם,	3
פרעה'ס יורשים, י. ל. פרץ,	3
פונ'ם פריזיוו, שלום=עליכם,	3
פישעל דער מלמד, שלום=עליכם,	5
אַ פערשטערטער שבת, י. ל. פרץ,	3
דער פעטער שכנא מיט דער מוהמע יאחנע, י. ל. פרץ,	3
דער פעטער פיני מיט דער מוהמע רייזע, שלום עליכם,	3
פריינקעל'ס שריפטען,	5
צו וואָס טויג טהעאַטער, ב. פייגענבוים,	3
צוויי קברים, ש. ראַבינאָוויץ,	3
צוויי פעסלאך וויין, מ. ספעקטאָר,	3
דער קאר קאָנדוקטאָר, ד. עדעלשטאט,	3
קליינע מעשה'לעך, י. ל. פרץ,	3
די רומענישע אידען אין אַמעריקא, ד. מ. הערמאלין,	3
רייזע בילדער, י. ל. פרץ,	10
דאָס שטריימעל י. ל. פרץ,	3
שלום=פיוווישקע, מ. ספעקטאָר,	3
שמשון שלמה מיט זיינע פערד, י. דינעזאָהן,	3
שמעריל'ס שמחה, מ. ספעקטאָר,	3
שרה פעגי, מ. ספעקטאָר,	3
שרה'לע, מ. ספעקטאָר,	3

צו בעקומען ביי אַלע בוכהענדלער ווי אויך ביי די פערלעגער:

היברו פאבלישינג קאמפאני,

83־85־87 קאנאל סטריט, ניו־יאָרק.